# יעקעלע
# פֿון דודל כּותבֿ

יעקעלע איז אין גאַנצן אַלט געווען אַכצן יאָר. מען האָט אָבער געקענט אויף אים זאָגן אַז ער האָט שוין געלעבט זעקס און דרײַסיק יאָר.

יעקעלע איז געקומען פֿון אַ שטילער, איידעלער שטוב. דער ייִנגסטער פֿון די קינדער, איז ער געווען ספּעציעל באַליבט בײַ דער מאַמען. די מאַמע איז געווען אַן אשת-חיל פֿון די סאָרטן וואָס מען לייענט נאָר וועגן זיי אין די מעשׂה-ביכלעך: צוויי רעכטע הענט מיט אַ צוגעפּאַסטן קאָפּ. געפֿירט די פּרנסה, אויפֿגעהאָדעוועט די קינדער און נאָך געטאָן מצוות און מעשׂים טובֿים אין דער זײַט אויך. אַז עס האָט אים ווער נאָר געפֿרעגט ווי אַזוי ער הייסט און פֿעסטגעשטעלט ווער ער איז, האָט מען אים באַלד געגעבן אַ ציפּ אין די באַקן און צוגעזאָגט, ״איך האָב געקענט די מאַמען. אַ פֿײַנע פֿרוי געווען.״

די איז אַוועק ווען ער איז אַלט געווען פֿינעף צי זעקס יאָר, און וואָס ער האָט אַלץ געוווּסט וועגן איר האָט ער געהאַט געהערט פֿון אַנדערע.

פֿון ווען ער האָט זיך אַליין געקענט איז ער אַלץ געווען אַ יתומל.

אַ יתומל: דאָס איז נישט אַ היכי תּמצא פֿון אַ קינד אָן אַ מאַמען. דאָס איז אַ סאָרט באַשעפֿעניש, ווי אַ הינקעדיקע, צי אַ גיצער, צי עפּעס אַן אַנדערער לאַ-עלינוניק. ער האָט געקענט קומען אין חדר שפּעט, ווײַל דער רבי האָט אים קיינמאָל נישט צו פֿיל געזאָגט — אַ יתום טאָר מען דאָך נישט באַליידיקן. אַז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה מיט אַ צווייטן ייִנגל, האָט ער געדאַרפֿט צוקוקן ווי יענער כאַפּט מכּות, אָבער אים גיט מען בלויז אַ גלעט. וויפֿל מאָל האָט ער זיך געווונטשן צו די קלעפּ אַבי נאָר צו זײַן ווי אַלע! אָבער ער קען נישט זײַן ווי אַלע — נישט ווײַל ער האָט נישט קיין מאַמע, נאָר ווײַל ער איז אַ יתום.

די קינדער האָבן אים אַ צונאָמען געגעבן: יעקל מיטן פֿלעקל. אַז מען האָט געדאַרפֿט אַ שבת-גוי אויף אָנצומאַכן עפּעס אַ שייגעצשטיק האָט מען גערופֿען יעקעלען. ״דיר וועט מען סײַ ווי גאָרנישט טאָן,״ האָט מען אים געזאָגט.

טאָמער איז עס אים געווען אומאַנגענעם אין הויף בײַם שפּילן, איז עס אָבער אַלץ נישט געווען קיין פֿאַרגלײַך צו וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער כּיתּה בײַ חומש אָדער גמרא. פֿינעף וואָכן פֿאַר פּרשת משפּטים האָט ער שוין געציטערט אויף יענעם פּסוק. ווען די קינדער האָבן זיך געפֿרייט אַז מען האַלט שוין בײַ

דער שירה האָט ער שוין געציילט די בלעטער. אַז מען האָט שוין געהאַלטן בײַ שלישי אין דער סדרה פֿון משפּטים האָט ער געטראַכט צי ער זאָל נישט אפֿשר בעטן גיין אין בית-כּיסא.

דאָס האַרץ זײַנס האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער ווען דער רבי האָט אַרויסגעזאָגט דעם פּסוק: "כּל אַלמנה ויתום לא תענין." ער האָט באַגראָבן דאָס פּנים אינעם חומשל און זיך געמאַכט שרעקלעך פֿאַרטיפֿט. ער איז זיכער געווען אַז דעם רבינס קול קומט אין זײַן ריכטונג. ער האָט געזען ווי אַלע ייִנגלעך קוקן אַרויס צו זען וואָס ער טוט. ער האָט נישט געוווּסט צי מען האַלט אָפֿן די הענט צי פֿאַרמאַכט די הענט, צי דער עלנבויגן זאָל זײַן אויפֿן טיש צי אונטערן טיש. ווי אַזוי ער האָט זיך נאָר געדרייט, האָט זיך אים געדאַכט אַז מען קען דערקענען אַז ס׳איז אים נישט גוט אין קאָפּ.

האָט ער געהאַלטן אַז אים שטערט נאָר וואָס מען קוקט אויף אים. דאָס הייסט, אין קלאָמפּערשט קען ער אויסהאַלטן אַז ער איז אַ יתום, נאָר וואָס ער האָט נישט געוואָלט איז אַז יענעם זאָל זיך דאַכטן אַז ער קען עס נישט פֿאַרטראָגן.

דאָס זעלבע איז געווען ווען מען האָט געלערנט גמרא: "מעמידין אַפּוטרופּוס ליתומים קטנים." דאָס פּנים האָט אים אָנגעהויבן צו ברענען, און ער האָט נישט געוווּסט צי מען זעט אַז ער איז רויט צי ער זעט אויס ווי יעדער.

איין מאָל האָט ער געוואָלט אויפֿווײַזן פֿאַר אַלעמען זײַן קוראַזש, ווי גוט און שטאַרק ער קען דאָס באַהאַנדלען. ער האָט אַרײַנגעפֿרעגט פּונקט בײַ אַזאַ גמרא. ער האָט נאָך אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט יתומים פֿון מויל, כּדי זיך צו שטראָפֿן מאַקסימום. ווי נאָר ער האָט עס געזאָגט, איז די שטוב שטילער געוואָרן. די אויערן זײַנע האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען, און ביז דער רבי האָט אים נישט געענטפֿערט איז אין זײַן קאָפּ אַדורך גאַנצע שעהען. די אויגן פֿון זײַנע חבֿרים האָבן אים געלעכערט ווי אַ זיפּ, און ער האָט נישט געוווּסט וווּ זיך אַהינצוטאָן — און אַלץ ווײַל זיי דאַכט זיך אַז ער האַלט עס נישט אויס. ער ווייסט דאָך אָבער דעם אמת, אַז ער האַלט עס יאָ אויס, ווײַל ווען נישט פֿרעגט ער נישט פּונקט דאָ אַרײַן.

אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען חדר פֿון איין רבין צום אַנדערן, און פֿון חדר אין ישיבֿה קטנה אַרײַן, און פֿון דאָרט אין דער ישיבֿה, דאָס הייסט דער ריכטיקער ישיבֿה וווּ עס לערנען די גרויסע בחורים. דורך די אַלע יאָרן האָט ער מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דער מאַמען, אָדער אפֿילו וועגן דעם, אַז זי לעבט נישט. נישט ווײַל עס איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. ער וואָלט געקענט לויפֿן פֿון איין רבין צום אַנדערן, פֿונעם מגיד שיִעור צום משגיח, פֿונעם משפּיִע ביזן ראש ישיבֿה. זיי וואָלטן אַלע אים גערן אויסגעהערט. נאָר ער וואָלט געוואָרן שטאָטס נעבעך, און זיי וואָלטן נאָך מיט דעם געוואָרן רחמנים בני רחמנים. יעקעלע וואָלט אפֿשר בדיעבֿד פֿון דעם נישט געהאָט צו פֿיל עגמת-נפֿש, אָבער זיי וועט זיך אַלע דאַכטן אַז ער קען נישט, אַז ער גיט זיך נישט קיין עצה. דאָס האָט ער נישט געוואָלט — נישט ווײַל ער האָט זיך געשעמט, נאָר ווײַל אַזאַ געדאַנק אויף אים איז פּשוט נישט אמת.

מיטן אייגענעם טאַטן האָט ער אויך נישט געקענט דיסקוטירן דעם ענין. אַמאָל ווען ער איז שוין געווען אַ בחור פֿון פֿערצן מיט אַ האַלב, האָט זיך געמאַכט אַ שמועס צווישן די חבֿרים. איינער האָט געפֿרעגט, „וואָס איז דאָס — ‚די יענע מעשׂה'?"

אַ צווייטער האָט געזאָגט: „איך האָב אַמאָל געזען אין שיל, ווי איינער דערציילט אויף אַ באַקאַנטן, אַז יענער האָט די יענע מעשׂה. האָט עמעצער געגעבן אַ שפּײַ צוויי מאָל אויף דער ערד."

יעקל — ער האָט שוין מער נישט געהייסן יעקעלע, ער איז שוין געווען אַ גרויסער בחור — האָט זיך אָנגערופֿן אַז ער וועט פֿרעגן דעם טאַטן.

צומאָרגנס אויפֿן וועג אַהיים פֿון שחרית פֿרעגט ער דעם טאַטן: ״וואָס איז דאָס, די יענע מעשׂה?״

דער טאַטע האָט זיך ווי פֿלוצלינג אָפּגעשטעלט, און באַלד אָנגעהויבן ווײַטער צו גיין — אָבער מיט אַ סך שווערערע און לאַנגזאַמדיקערע טריט. ״די יענע מעשׂה,״ האָט ער געענטפֿערט, ״רופֿט זיך אויף ענגליש קאַנסער. דאָס איז אַ מחלה וואָס עסט אויף רחמנא לצלן דעם קערפּער פֿונעם מענטש ביז ווי לאַנג עס בלײַבט נישט גאָרנישט איבער. דאָס איז אַ מחלה וואָס מען ווייסט אויף דעם נישט קיין רפֿואה.״

דער טאַטע האָט אויפֿגעהערט צו רעדן און מען איז ווײַטער געגאַנגען. דער טאַטע האָט גאָרנישט געזאָגט, און דער זון האָט אויך נישט גערעדט.

נאָך אַ פּאָר מינוט זאָגט אים זײַן טאַטע אויף אַ שטילערן טאָן: ״מאַמי עליה השלום איז פֿון דעם אַוועק.״

יעקל האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד; ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט אָנגעפֿאַנגען צו רעדן. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט גערעדט מיטן טאַטן וועגן דער מאַמען, און כאָטש ער האָט געוואָלט רעדן, האָט דאָך עפּעס אים נישט געלאָזט. דאָס וואָרט ״מאַמי״ האָט אים דערלאַנגט אַ ציפּ וואָס ער האָט אַליין נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס.

״דו האָסט געוווּסט דערפֿון?״ האָט אים דער טאַטע געפֿרעגט.

״ניין, ס׳איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער.״

״זי האָט עס געהאַט אין די בריסט און אין דעם לעבער,״ האָט דער טאַטע אים ווײַטער דערציילט.

יעקל האָט שוין געהערט ווי דאָס קול ברעכט זיך בײַם טאַטן און האָט מער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געשפּירט געני וואָס ער האָט געשפּירט אין חדר. ער קען רעדן דערפֿון, האָט ער געהאַלטן, אָבער דעם טאַטן וועט זיך דאַכטן אַז עס נודזשעט אים — און דאָס האָט ער נישט געוואָלט.

***

ווען יעקל איז אַלט געווען אַכצן מיט אַ האַלב יאָר האָט אים דער טאַטע אַהיימגעברענגט פֿון ישיבֿה אויף צו זוכן אַ שידוך. בײַ טאָג איז ער געזעסן אין בעת-מדרש און געלערנט, און אין אָוונט איז ער אַהיימגעקומען. דער טאַטע זײַנער האָט געוווינט אַליין, און פֿלעגט אָפֿט אַהיימקומען שפּעט. אַזוי איז אויסגעקומען יעקלן צו זיצן אַ סך שעהען אין דער היים אייניקער אַליין.

איין שכנטע איז געווען וואָס האָט זיך גוט געקענט מיט זײַן מאַמען. אויסער דעם איז זי געווען זייער אַ וואַרעמע און זי האָט זיך תּמיד אינטערעסירט בײַ יעקלן וואָס ער מאַכט, און תּמיד אָנגעזאָגט פֿאַרן טאַטן אַז ער דאַרף אויפֿפּאַסן אויף זײַן מיזיניקל, אַז ער זאָל אים אויסוויילן אַ גוטן שידוך.

מיט סתּם אַ פֿרוי וואָלט זיך יעקל שטאַרק געשעמט צו רעדן. אַ חסידישער בחור פֿון אַכצן מיט אַ האַלב יאָר, אַ פֿאַרטיקער חתן-בחור, רעדט נישט מיט ווײַבער. חוץ דעם, אַז ער וועט זיך אויפֿמאַכן צו אַ פֿרוי וועט מען פֿון אים לאַכן. ער איז גענוג אַ נעבעך אָן דעם — דאַרף ער פֿרישע צרות איבערן קאָפּ?

זי איז אָבער געווען אַ מבֿין אויף אים, און האָט אים דערקוטשעט ביז ווי לאַנג עס איז אויסגעקומען צו כאַפּן אַ שמועס מיט אים.

עס איז געווען אַ ווינטער-אָוונט. ס'האָט עפּעס געפֿעלט אין דער היים און יעקל איז געגאַנגען בײַ איר באָרגן. זי איז געווען אַליין און האָט אים וואַרעם אַרײַנגערופֿן.

״ביסט דאָך אַוודאי הונגעריק,״ האָט זי אים געזאָגט.

״וואָס עפּעס? איך האָב מיך עפּעס אַליין ציגעשטעלט,״ האָט ער זיך אײַנגעטענהט.

"וואָס דו האָסט דיך צוגעשטעלט ווײַס איך דאָך. קום; איך לײַג דיר דעם טיש, געב דיך אַ וואַש אין וועסט עסן ווי אַ מענטש."

ער האָט געדרייט מיט דער נאָז, אָבער דאָס האַרץ האָט אים געחלשט און ער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן.

יעקל האָט שטענדיק געניײַגערט צו וויסן ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען בײַ דער מאַמענס יציאת-נשמה. ער האָט פּראָבירט מיט האַלבע ווערטלעך און מיט שמייכלעך צו ציִען דעם שמועס צו יענע מינוטן. צי די שכנטע האָט פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל, צי אומווילנדיק האָט זיך דער שמועס אַהין פֿאַרטראָגן, איז שווער צו וויסן, אָבער אַהין איז מען אָנגעקומען.

זי האָט דערציילט ווי זײַן מאַמע איז אַהיימגעקומען אָנגעפֿער צען טאָג פֿאַר דער פּטירה, ווײַל די דאָקטוירים האָבן געזאָגט אַז זיי קענען מער גאָרנישט טאָן. מיט ווי אַ וואָך שפּעטער איז זי ווידער אַרײַן אין שפּיטאָל, צום לעצטן מאָל, נאָך דעם וואָס זי איז געפֿאַלען אין דער היים.

דעם לעצטן טאָג איז די שכנטע דאָרט געווען טאַקע פֿאַרטאָגס, ווײַל מען האָט געזאָגט אַז עס וועט שוין נישט לאַנג געדוירען. "דײַן מאַמע," האָט זי דערציילט, "איז געווען זייער שוואַך. זי האָט זיך קוים געקענט רירן. זי האָט מיך געוווּנקן אַז איך זאָל מיך צובייגן, זי וויל מיר עפּעס זאָגן.

"'ווען איך בין געווען אַ קליין מיידל,' האָט זי אָנגעהויבן אין אַ שטילער שוואַכער שטימע, 'איז מײַן מאַמע אַוועק פֿון דער וועלט. איך בין ברוך השם געווען אַ פֿעיִקער, און פֿון דרויסן האָט זיך יעדער געדאַכט אַז עס גייט מיר גוט. און עס איז מיר טאַקע גוט געגאַנגען. עס האָט מיר ברוך השם גאָרנישט געפֿעלט — אָבער אַ יתום בין איך אַלץ געווען. איך גיי יעצט אַוועק פֿון דער וועלט, און כאָטש די גרעסערע קינדער זענען שוין דערוואַקסן, לאָז איך איבער דעם קליינעם יעקעלע. אינעם לידל זינגט מען: "ווער עס האָט פֿאַרלוירן, דער ווייסט וואָס איך מיין." איך האָב פֿאַרלוירן,' האָט זי אויסגעפּירט, 'אָבער וואָס וועט ער האָבן דערפֿון וואָס איך פֿאַרשטיי? איך וועל מער נישט דאָ זײַן.'"

"זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח אַפֿילו צו וויינען. זי האָט נאָר וואָס געענדיקט רעדן און זי איז אַרײַן אין אַ טיפֿן שלאָף."

"און ווי אַזוי איז זי שפּייטער...?" האָט זיך פֿון יעקלען נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט. דאָס וואָרט "געשטאָרבן" האָט ער אָבער נישט געקענט זאָגן,

אפֿילו אומווילנדיק.

די שכנטע האָט צוגעענדיקט. ״זי איז געשלאָפֿן אַ גאַנצן טאָג אָנגעבונדן מיט מאַשינען און רערן פֿון אַלע זײַטען. איך בין אַהיימגעגאַנגען אויף אַ פּאָר שעה און איך בין צעריקגעקומען פֿאַר נאַכטס. אין צימער, אַ ביסל אָפּגערוקט פֿונעם בעט, איז געשטאַנען דײַן טאַטע מיט נאָך נײַן ייִדן און געזאָגט תּהילים. איך בין געווען די איינציקסטע פֿרוי דאָרט און איך האָב מיך אַרײַנגעוויינט אין מײַן תּהילימל. מיטאַמאָל האָבן די מאַשינען אָנגעהויבן צו פּײַפֿן אין די לאָמפּן צו בליטשקן. אַ שוועסטער איז געקומען צו לויפֿן, אַ בליק געגעבן און געוווּנקן אַז עס איז אַלס אַריבער.״

״הייסט עס, דעמאָלטס בין איך געוואָרן אַ יתום״ האָט יעקל אָפּגעבראַכט אין אַ דינעם קול.

יעקל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די אויגן; די שכנטע האָט אים גאָרנישט געענטפֿערט.